NEW

# לקוטי שיחות

NOACH נח

VOLUME 1, P. 4–15

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# NOACH I | נח א

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Bereishis,* 5717 (1956)

## Introduction

In chassidic lore, certain gems of wisdom and inspiration have been passed down generation after generation. Each Rebbe has reviewed the insight shared by his predecessors and added his own understanding, adapting the ideas to the mindset of his time and setting.

The *sichah* to follow contains two of these jewels:

a) The Alter Rebbe's interpretation[1] of the verse,[2] "Abundant waters cannot quench the love." In *Torah Or,* the Alter Rebbe interprets the verse as teaching that "the many waters," the worries and challenges a person faces in earning his livelihood, "cannot quench" the fiery love for G-d that burns in the heart of every Jew.

b) The Baal Shem Tov's interpretation[3] of the command,[4] "Enter the ark." *Teivah,* the Hebrew word for "ark," also means "word." The Baal Shem Tov taught that a person must "enter" – put himself into and be encompassed by – the words of Torah study and prayer he recites. In this way, he can rest assured that he will not be inundated and swept away by the deluge of challenges and struggles with which G-d presents him.

The Rebbe weaves together these two teachings and presents them in a manner that provides guidance for a person to apply in his everyday experience.

---

1. *Torah Or,* p. 8c ff.

2. *Shir HaShirim* 8:7.

3. See *Kesser Shem Tov*, Kehot Edition, *Hosafos*, sec. 9 (p. 283), and the sources cited there.

4. *Bereishis* 7:1.

# Riding the Crest of the Flood

## A New Look at a Well-Known Story

1. In ***Torah Or,***[1] the Alter Rebbe **explains that the Flood was not merely a punishment but also a process of purification. Prior to the Flood, the world had been sullied** by strife, corruption, and violence**, and the Flood cleansed and purified it. Therefore,** the waters of **the Flood** inundated the earth **for 40 days, corresponding to the 40 *seah***[2] required **for a *mikveh*. For this reason,** the waters of **the Flood are referred to as** "the waters of Noach,"[3] for in Hebrew, the name Noach connotes **tranquility and satisfaction.**

**In the above source,** the Alter Rebbe associates the waters of the Flood **with the "abundant waters,"**[4] **the worries and challenges a person faces in earning his livelihood.** Ultimately, **these** "abundant waters" **cleanse a person of his undesirable traits, enabling him to** attain **tranquility and contentment.**

א. אִין תּוֹרָה אוֹר פַּרְשַׁת נֹחַ וֶוערְט דֶערְקְלֶערְט, אַז דֶער מַבּוּל אִיז גֶעוֶוען נִיט נָאר אַ שְׁטְרָאף, נָאר אוֹיךְ אַן עִנְיָן פוּן טַהֲרָה (רֵיינִיקוּנְג), - דֶער מַבּוּל הָאט מְטַהֵר גֶעוֶוען דִי וֶועלְט, וֶועלְכֶע אִיז פַארְן מַבּוּל גֶעוֶוען אַן אוּמְרֵיינֶע. אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער מַבּוּל גֶעוֶוען 40 טֶעג - אַנְטְקֶעגְן דִי 40 סְאָה פוּן מִקְוֶה. דֶערְפַאר וֶוערְט דֶער מַבּוּל אָנְגֶערוּפְן "מֵי נֹחַ"[א] - נַיְחָא דְרוּחָא (נַחַת רוּחַ)[ב].

דָאס זֶעלְבֶּע - וֶוערְט דָארְט אִין תּוֹרָה אוֹר אוֹיסְפִּירְלֶעךְ דֶערְקְלֶערְט - אִיז אוֹיךְ בַּנּוֹגֵעַ דַאֲגוֹת אוּן טִרְדוֹת פוּן פַּרְנָסָה, וֶועלְכֶע וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן "מַיִם רַבִּים" (פִיל וַואסֶערְן), שְׁוֶוענְקֶען זֵיי אַרָאפּ בַּיְים מֶענְטשְׁן דִי עִנְיָנִים וֶועלְכֶע דַארְפְן נִיט זַיְין, אוּן פּוֹעֵל'ן דֶערְמִיט אוֹיךְ אַ "נַיְחָא דְרוּחָא".

## Going Beyond Self

2. **The parallel between the worries and challenges a person faces in earning his livelihood, the Flood, and a *mikveh* can be explained as follows: The inner** purpose **of** immersion in a ***mikveh*** is for a person to engender ***bittul*** within himself. **Thus, *Rambam***[5] **describes** how one should **"immerse**

ב. דִי דֶערְקְלֶערוּנְג וֶועגְן דֶער שַׁיְיכוּת צְווִישְׁן דַאֲגוֹת פַּרְנָסָה, מַבּוּל אוּן מִקְוֶה - אִיז אַזוֹי:

דֶער פְּנִימִיּוּת'דִיקֶער עִנְיָן פוּן מִקְוֶה אִיז "בִּיטוּל", אַזוֹי ווִי דֶער רַמְבַּ"ם[ג]

1. ***Torah Or,* p. 8c ff.**

2. A *seah* is a Talmudic measure of volume, equivalent to 8.3 liters (approximately 2.2 gallons) in modern measure according to *Shiurei Torah.* It should be noted that when calculating the 40 *seah* of water used for a *mikveh*, many authorities are stringent and use significantly larger measures.

3. ***Yeshayahu* 54:9.**

4. Cf. *Shir HaShirim* 8:7, "Abundant waters cannot quench the love."

5. ***Hilchos Mikvaos* 11:12.**

**himself in the waters of pure knowledge."** To enable this, **the volume of a *mikveh* must be 40 *seah*, i.e.,** a sufficient amount of water **"to encompass one's entire body."**[6] The Hebrew word ***tevilah*** (**טְבִילָה**), **"immersion," contains the same letters as the word הַבִּיטֻל, *bittul*.**[7] Through immersion in a *mikveh*, a person cultivates an attitude of ***bittul* that takes him beyond his self-concern, elevating him and transforming him into a medium for holiness.**

שְׁרַייבְּט "שֶׁיִּטְבּוֹל בְּמֵי הַדַּעַת הַטָּהוֹר" (עֶר זָאל זִיךְ טוֹבֵל זַיְין אִין דִי וַואסֶערְן פוּן רֵיינֶעם דַּעַת). דֶערִיבֶּער דַארְף אַ מִקְוֶה הַאלְטְן פֶערְצִיק סְאָה, וָואס דָאס אִיז דִי מָאס "שֶׁכָּל גּוּפוֹ עוֹלֶה בָּהֶן"[ד], דָאס הֵייסְט וָואס זֵיי נֶעמֶען אַרוּם דֶעם גַאנְצְן מֶענְטשְׁלֶעכְן קֶערְפֶּער, אוּן "טְבִילָה" אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת ווִי "הַבִּיטֻל"[ה], דָאס הֵייסְט אַז דֶער בִּיטוּל וָואס עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיְין אִיךְ פּוֹעֵל'ט אִין אִים אַן עֲלִיָּה (דֶערְהוֹיבּוּנְג), אַז עֶר ווֶערְט אַ כְּלִי צוּ קְדוּשָּׁה.

**This is also the true purpose why a person** is destined from Above **to confront financial worries. Even though they may temporarily upset and confound him, causing him to be crestfallen, ultimately they will break his egocentricity and motivate him to step out of his self-concern. Through this** process **he becomes a medium for holiness.**

דָאס אִיז אוֹיךְ דִי אֱמֶת'עֶ כַּוָּנָה וָואס מֶען גִיט דֶעם מֶענְטשְׁן דַאֲגוֹת הַפַּרְנָסָה. כָּאטשׁ עֶס שְׁטֶערְט אוּן צֶעמִישְׁט אִים צַיְיטְווַיְילִיק, ווֶערְט עֶר אָבֶּער דוּרְךְ דֶעם צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ אוּן גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיְין אֵייגֶענֶעם אִיךְ - אוּן דוּרְךְ דֶעם ווֶערְט עֶר אַ כְּלִי צוּ קְדוּשָּׁה.

## No Need for Delay

3. **Since the ultimate intent** of the financial pressures a person experiences **is not, to punish him, Heaven forbid, but to wash away and cleanse him of undesirable traits,** his personal process of purification need not be a lengthy one; **it can be accomplished in a brief moment. Once a person grasps the inner** Divine **intent** in having been sent the particular challenges confronting him **and works to bring about** the inner changes **these challenges require him to undergo, this alone will suffice. He can then** immediately **proceed to** attain a **state of tranquility and contentment in** both **material and spiritual matters.**

ג. אִיז וִויבַּאלְד אַז דִי אֱמֶת'עֶ כַּוָּנָה אִיז נִיט אִים צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן חַס וְשָׁלוֹם, נָאר בִּכְדֵי אַרָאפְּצוּשְׁווֶענְקֶען אוּן אָפְּרֵיינִיקְן פוּן אִים דִי נִיט־גוּטֶע זַאכְן - בְּמֵילָא פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, אַז דָאס קֶען אָפְּגֶעטָאן ווֶערְן אוֹיךְ אִין אֵיין מִינוּט - אוֹיבּ אִין אֵיין רֶגַע ווֶעט עֶר אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי כַּוָּנָה פְּנִימִית דֶערְפוּן, אוּן פּוֹעֵל'ן בַּיי זִיךְ דָאס וָואס דֶער עִנְיָן דַארְף אוֹיפְטָאן - אִיז עֶר שׁוֹין דֶערְמִיט אַלֵיין יוֹצֵא, אוּן עֶס קֶען שׁוֹין בַּיי אִים ווֶערְן דֶער "נַיְיחָא" סַיי אִין גַּשְׁמִיּוּת סַיי אִין רוּחְנִיּוּת.

(משיחת ש"פ בראשית תשי"ג)

---

6. *Chagigah* 11a.

7. *Siddur im Dach, Kavanas HaMikveh.*

## Two Types of Distractions

**4. The "raging waters"[8] of the Flood** originated in **two** sources: **"the awesome depths** of **the earth" and "the portals of heaven."[9] Similarly, the factors that confront a person with difficulties and challenges are also divided into these same two categories: a) "the awesome depths** of the earth" – **challenges of a material nature;** for example, **worries about his livelihood and the like; and b) "the portals of heaven" – difficulties stemming from lofty spiritual concerns; for example, involvement in communal affairs and the like, which can present obstacles that impede one from studying the Torah and observing the *mitzvos*.**

**True, involvement in communal affairs is necessary, but** such involvement **should not** be allowed to **conflict with one's Torah study or the observance of *mitzvos*.** For studying the Torah and performing its ***mitzvos*** enable **a person to establish a bond with G-d;[10] through that bond, G-dly energy and vitality are drawn down to the person,** as reflected by the verse,[11] **"You who cling to G-d are all alive today." If, however, that connection is lacking and a person fails to carry out that which the *Shulchan Aruch* requires of him, of what value are all the** praiseworthy **activities in which he is involved?**

**His rationalization – that he is occupied with "the portals of heaven,"** lofty **spiritual pursuits – is erroneous. Such a rationalization does not originate in the G-dly soul but rather in the animal soul. The clearest proof of this is that it poses a hindrance to the study**

ד. דִי "מַיִם הַזֵּדוֹנִים" (בֵּייזֶע וַואסֶערְן) פוּן מַבּוּל וֶוערְן אַיְינְגֶעטֵיילְט אִין צְוֵויי טֵיילְן: א. תְּהוֹם רַבָּה, ב. אֲרוּבּוֹת הַשָּׁמַיִם. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְן דִי מֶענְטשְׁלֶעכֶע טִירְדוֹת אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען אַיְינְגֶעטֵיילְט אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע צְוֵויי טֵיילְן:

"תְּהוֹם רַבָּה" (אַ גְרוֹיסֶער אָפְּגְרוּנְט) מֵיינְט דִי טִרְדוֹת פוּן גַשְׁמִיּוּת'דִיקֶע, נִידֶערִיקֶע עִנְיָנִים, טִרְדוֹת הַפַּרְנָסָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. "אֲרוּבּוֹת הַשָּׁמַיִם" מֵיינְט טִרְדוֹת וֶועלְכֶע קוּמֶען פוּן רוּחְנִיּוּת'דִיקֶע, הוֹיכֶע עִנְיָנִים, אַזוֹי ווִי עַסְקָנוּת צִיבּוּרִית וְכַדוֹמֶה, וֶועלְכֶע שְׁטֶערְן אָבֶּער דֶעם מֶענְטשְׁן צוּ לֶערְנֶען אוּן מְקַיֵּים זַיְין מִצְוֹות.

אֱמֶת טַאקֶע, מֶען דַארְף טָאן אִין עַסְקָנוּת צִיבּוּרִית, אָבֶּער דָאס דַארְף נִיט שְׁטֶערְן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן מְקַיֵּים זַיְין מִצְוֹות. וָוארוּם דֶער עִנְיָן פוּן מִצְוֹות אִיז, אַז דוּרְךְ זֵיי וֶוערְט "וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּד' אֱלֹקֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם"[יא] - זֵיי פַארְבִּינְדְן דֶעם מֶענְטשְׁן וֶועלְכֶער אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְוָה מִיט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן[י], אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט נִמְשָׁךְ צוּ אִים גֶ-טְלֶעכֶע חַיּוּת. אָבֶּער אוֹיבּ עֶס פֶּעלְט אִין דֶעם - אִיז וָואס אִיז דֶער אוֹיפְטוּ פוּן זַיְין פַארְנֶעמֶען זִיךְ אִין דִי אַלֶע זַאכְן, בְּשַׁעַת עֶר טוּט נִיט דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ.

דָאס וָואס עֶר טַעֲנֶה'ט, אַז עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיט "אֲרוּבּוֹת הַשָּׁמַיִם" - מִיט רוּחְנִיּוּת'דִיקֶע עִנְיָנִים - אִיז אַ טָעוּת. דִי דָאזִיקֶע טַעֲנָה קוּמְט נִיט פוּן נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית נָאר פוּן נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית. דִי בֶּעסְטֶע רַאְיָה אוֹיף דֶעם אִיז, אַז וִוִיבַּאלְד אַז דָאס אִיז אַ שְׁטֶער צוּ

---

8. Cf. *Tehillim* 124:5.

9. *Bereishis* 7:11.

10. ***Tanya,* chs. 23 and 46. See also *Likkutei Torah, Vayikra,* p. 45c; *Igros Kodesh* of the Rebbe Rayatz, Vol. 10, p. 369ff.; *Likkutei Sichos,* Vol. 7, p. 30ff.**

11. ***Devarim* 4:4.**

12. *Bereishis* 7:1. See ***Torah Or*, p. 9a.**

of the Torah and the observance of the *mitzvos* as prescribed by the ***Shulchan Aruch***. Obviously, **this is a state of affairs that is** not something **holy,** but **the polar opposite.**

**Since his involvement does not stem from holiness – even though the matters themselves concern "the portals of heaven" – it will lead him progressively lower, until** the point that he finds that he has descended **from** the heights of "**the portals of heaven" to "the awesome depths** of the earth," and he is steeped in base, materialistic concerns.

לִימוּד הַתּוֹרָה אוּן קִיוּם הַמִּצְווֹת לוֹיטְן דִין פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ - אִיז דָאס זִיכֶער אַן עִנְיָן וָואס אִיז הֵיפֶּךְ פוּן קְדוּשָׁה.

אוּן וִויבַּאלְד אַז עֶס אִיז הֵיפֶּךְ פוּן קְדוּשָׁה, אִיז כָאטשׁ עֶר אִיז דָאךְ דֶערְוַויְיל פַארְנוּמֶען מִיט "אֲרוּבּוֹת הַשָּׁמַיִם", אָבֶּער סוֹף כָּל סוֹף גֵייט עֶר רַחֲמָנָא לִצְלָן נִידֶערִיקֶער אוּן נִידֶערִיקֶער, בִּיז אַז פוּן "אֲרוּבּוֹת הַשָּׁמַיִם" וֶוערְט "תְּהוֹם רַבָּה".

## The Baal Shem Tov's Advice

5. **The advice** suggested by the Torah **for a person to** protect himself **from** being engulfed by **the waters of the Flood – both from** those floodwaters that originate in "**the awesome depths** of the earth" **and from** those that originate in "**the portals of heaven" – is to "enter the ark."**[12] **The Baal Shem Tov**[13] **interprets the word ark, *teivah,*** which in Hebrew also means "word," **as referring to the *teivos,* the "words" of Torah** study **and prayer. A person must "enter" the words of Torah study and prayer and be encompassed by them. He can then rest assured that he will not be inundated** and swept away by the "raging waters"; **that** even under the direst of circumstances, "**Noach, the righteous man"**[14] **and the members of his household will remain** sound and **intact.**

**Therefore, as the day begins, immediately upon awakening from sleep and prior to embarking on his** daily **mundane activities with their** attendant "**raging waters," he declares, "I thankfully acknowledge You... for You have restored my soul within me."**[15] With these words **he recognizes that the vitality of his soul comes solely from G-d. Afterwards, he recites the morning blessings,**

ה. דִי עֵצָה צוּ דִי מֵי הַמַּבּוּל (דִי וַואסֶערְן פוּן מַבּוּל), - סַיי פוּן תְּהוֹם רַבָּה אוּן סַיי פוּן אֲרוּבּוֹת הַשָּׁמַיִם - אִיז "בֹּא אֶל הַתֵּבָה"[ח] (קוּם אַרַיְין אִין דֶער תֵּבָה). "תֵּבָה" - טַיְיטשְׁט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב - מֵיינְט דִי תֵּיבוֹת (וֶוערְטֶער) פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה. אַרַיְינְקוּמֶען אִין "תֵּבָה" מֵיינְט, אַז מֶען דַארְף אַרַיְינְגֵיין אִין דִי אוֹתִיּוֹת פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה - זַיְין אַרוּמְגֶערִינְגְלְט פוּן זֵיי, וָואס דֶעמָאלְט אִיז זִיכֶער אַז קֵיין זַאךְ וֶועט אִים נִישְׁט פַארְפְלֵייצְן, אוּן דֶער "נֹחַ אִישׁ צַדִּיק" מִיט זַיְינֶע בְּנֵי בַיִת וֶועלְן בְּלַיְיבְּן גַאנְץ.

דֶערְפַאר אִיז דֶער סֵדֶר הַיּוֹם, אַז בַּאלְד ווִי מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פוּן שְׁלָאף, אֵיידֶער מֶען גֵייט נָאךְ אַרַיְין אִין וֶועלְט - אִין דִי "מַיִם הַזֵּדוֹנִים" - זָאגְט מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ "מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ כו' שֶׁהֶחֱזַרְתָּ בִּי נִשְׁמָתִי"[ט]. עֶר אִיז מוֹדֶה אַז דָאס לֶעבְּן פוּן זַיְין נְשָׁמָה אִיז נָאר פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. דֶערְנָאךְ זָאגְט עֶר בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר אוּן

---

13. See *Kesser Shem Tov*, Kehot Edition, *Hosafos*, sec. 9 (p. 283), and the sources cited there.

14. Cf. *Bereishis* 6:9.

**15. *Seder Hayom;* the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch, Mahadura Basra* 1:6.**

**thanking G-d for every particular expression** of goodness that **he has been granted.** For example, He praises G-d **"Who clothes the naked."** On the surface, this blessing seems to be without purpose. **What does he mean by blessing** G-d **"Who clothes the naked"?** After all, **he owns clothing** and seemingly is not in need of Divine assistance to dress. **The same question pertains to** all **the other** morning **blessings** recited daily.

This question can be resolved based on our Sages' statement,[16] **"Who is wise? One who sees what will come about."** The Alter Rebbe[17] interprets that adage as meaning that a wise man is one **who sees how all existence is brought into being each moment from absolute nothingness. He realizes that at each and every moment all existence is being created anew from G-dliness.**

**To cite a parallel: The *Zohar*[18] teaches that Rav Yeisa the Elder would pray that G-d grant him his sustenance. Even when his food** for that day **had already been prepared for him** and was ready to be eaten, **Rav Yeisa would not eat until he recited his prayers. Now, why would one pray to G-d for his sustenance when his food is already prepared for him?**

**In resolution: In and of itself, every created entity is** in essence **absolute nothingness, just as it was before it came into being.** The fact that **it does exist is only because G-d in His goodness continuously renews its being, as we say in our prayers, "Who out of His goodness continuously renews every day the work of creation."** For this reason, **it is** always **relevant to pray for one's sustenance, even though "his food is already on the table." The same holds true in regard to man's other needs. Since food,** clothing, and all other material needs **are, in and of themselves,** nothingness, it is

דַאנְקְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדְן פְּרַט בַּאזוּנְדֶער: מַלְבִּישׁ עֲרוּמִּים און אַזוֹי וַוייְטֶער. כָאטשׁ עֶר הָאט דָאךְ אִין פְּלוּג וָואס אָנְצוּטָאן, אִיז וָואס מֵיינְט דִי בְּרָכָה מַלְבִּישׁ עֲרוּמִּים - און אַזוֹי אוֹיךְ דִי אִיבֶּערִיקֶע בְּרָכוֹת?

נָאר וַוייל אֵיזֶהוּ חָכָם הָרוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד, וֶוער אִיז אַ חָכָם? דֶער וָואס זֶעט ווִי אַלְץ וֶוערְט נוֹלָד (בַּאשַׁאפְן) יֶעדֶער רֶגַע מֵאַיִן לְיֵשׁ[יא], - עֶר וֵוייסְט אַז אִיטְלֶעכֶע רֶגַע וֶוערְט דֶער "יֵשׁ" נִתְהַוֶּה פוּן אֱלֹקוּת.

אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר[יב], אַז רַב יֵיסָא סָבָא פְלֶעגְט מִתְפַּלֵּל זַיְין אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים גֶעבְן זַיְין שְׁפַּיְיז. דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ בְּשַׁעַת דֶער עֶסְן אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעגְרֵייט פַאר אִים, פְלֶעגְט עֶר נִיט עֶסְן בִּיז עֶר פְלֶעגְט מִתְפַּלֵּל זַיְין דִי תְּפִלָּה. אִיז אִין פְּלוּג קֶען מֶען פְרֶעגְן: וָואס אִיז שַׁיָּיךְ מִתְפַּלֵּל צוּ זַיְין אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים צוּשִׁיקְן שְׁפַּיְיז, וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין דֶעם עֶסְן אָנְגֶעגְרֵייט פַאר אִים?

נָאר דֶער עִנְיָן אִיז, אַז יֶעדֶער בַּאשֶׁעפֶּענִישׁ מִצַּד זִיךְ אַלֵיין וֶוערְט שְׁטֶענְדִיק אַיִן וְאֶפֶס אַזוֹי ווִי עֶר אִיז גֶעוֶוען פַאר זַיְין בַּאשַׁאפוּנְג, און דָאס וָואס עֶר אִיז דָאךְ פַארַאן, אִיז דָאס נָאר צוּלִיב דֶעם וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט זַיְין גוּטְסְקַיְיט בַּאנַיְיט אִים שְׁטֶענְדִיק, ווִי עֶס שְׁטֵייט: הַמְחַדֵּשׁ בְּטוּבוֹ בְּכָל יוֹם תָּמִיד מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית. דֶערִיבֶּער אִיז שַׁיָּיךְ מִתְפַּלֵּל צוּ זַיְין אוֹיךְ דַאן וֶוען דֶער עֶסְן לִיגְט שׁוֹין אוֹיפְן טִישׁ, און אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַנְדֶערֶע הִצְטַרְכוּת'ן. וַוייל דִי שְׁפַּיְיז וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען מִיט אַ מִינוּט פְרִיעֶר - אִיז דָאךְ מִצַּד עַצְמוֹ שׁוֹין גֶעוָוארְן אַיִן

16. *Tamid* 32a.

17. *Tanya,* ch. 43; *Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 26d.

18. *Zohar,* Vol. I, p. 199b, Vol. II, p. 62b.

וְאֶפֶס - דַארְף עֶר דֶערִיבֶּער מִתְפַּלֵל זַיְין צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דָאס בַּאנַיְיעֶן כְּדֵי עֶר זָאל הָאבְּן וָואס עֶר דַארְף.

בְּשַׁעַת עֶר הָאט דִי הַקְדָמָה פוּן תְּפִלָּה, וֵוייסְט עֶר אַז מִצַד זִיךְ אַליין הָאט דֶער גַשְׁמִי קֵיין קִיוּם נִיט, אוּן נָאר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים שְׁטֶענְדִיק בַּאנַיְיעֶן, אוּן אַז דִי גַאנְצֶע מְצִיאוּת פוּן וֶועלְט אִיז בְּלוֹיז כְּדֵי אוֹיסְצוּפִירְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס כַּוָונָה פוּן "וְלִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו" וגו'[יג] - דֶעמָאלְט קֶען עֶר אַרַיינְגֵיין אִין דִי עִנְיָנִים פוּן עוֹלָם הַזֶה אוּן הָאט נִיט וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן פַאר דִי "מַיִם הַזֵדוֹנִים".

אֵיידֶער עֶר דַאוְונְט, אִיז בַּיי אִים אָפְּגֶעלֵייגְט אַז וֶועלְט אִיז אַן עִיקָר[יד], עֶס אִיז חַס וְשָׁלוֹם אַ מְצִיאוּת פַאר זִיךְ, דֶעמָאלְט אִיז בַּיי אִים גַאנְץ פָּשׁוּט אַז דָאס וָואס מֶען מֶעג, מֶעג מֶען אַוַדַאי טָאן, אוּן דָאס וָואס מֶען וֵוייסְט נִיט זִיכֶער אַז מֶען טָאר נִיט - מֶעג מֶען אוֹיךְ, וָוארוּם מֶען דַארְף דָאךְ שְׁטֶעלְן יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף אִיר חֲזָקָה, אוּן דִי חֲזָקָה אִיז - וועלט.

בְּשַׁעַת אָבֶּער דֶער אָפְּלֵייג אִיז, אַז בֶּאֱמֶת אִיז נִיטָא קֵיין מְצִיאוּת, עֶס אִיז פַאראַן נָאר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר אִיז מְחַדֵשׁ דִי וֶועלְט פוּן אַיִן וְאֶפֶס הַמוּחְלָט צוּלִיב דֶער כַּוָונָה פוּן נִתְאַוָּה הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא

as if, they have returned to **a state of none-being. Therefore, it, is necessary for** a person **to pray to G-d to renew their existence so that he have what he needs.**

**A person who begins** his day **with prayer understands that, in and of themselves, physical entities do not exist; G-d must renew their existence continuously.** He realizes that **the entire world exists only in order to fulfill G-d's intent;** as quoted in G-d's name,[19] **"I created it for the sake of My honor."** That outlook **enables** one to **occupy himself in matters of this world without fear of** being engulfed by **the "raging waters."**

By and large, **before a person prays, he operates under the assumption that the world is of primary importance,**[20] **that it** exists as **an independent entity. When** guided by **such an outlook,** his focus will be on his material affairs. **He will take it as self-understood that whatever** the Torah **allows him to do is certainly permissible. And as long as a person does not know that a** certain **activity or entity is forbidden, he will assume it permitted.** To explain the logic according to *halachic* reasoning: When there is doubt as to the ownership of an article, the legal ruling is rendered based on the ***chazakah,*** the presumption of ownership. Since the holder of the property is its presumed owner, then, to cite our Sages' words,[21] "When one seeks to expropriate money or property from another, the burden of proof for his claim rests on him." Similarly, in this instance **the *chazakah*,** the basic presumption under which the person operates, **is worldliness,** and that is what colors his entire life outlook. Therefore, he sees no reason to deny himself any permitted material satisfaction, even when there is doubt as to whether it is indeed permissible.

**When, in contrast,** a person **is** motivated by **the outlook that, in fact, there is no existence other than G-d,** his focus is entirely different. He realizes that **only G-d** truly **exists, and that He is** continuously **renewing the existence of the world from absolute nothingness**

19. *Yeshayahu* 43:7; the conclusion of *Pirkei Avos,* ch. 6.

20. See *Likkutei Torah, Bamidar,* p. 79d.

21. *Bava Kama* 46b.

solely in order to bring about the fulfillment of **the Divine intent** of establishing **for Himself a dwelling in these lower realms.**[22] **This was the reason that G-d created the world,** and it is for this reason that **He** continuously **maintains its existence.**

When a person internalizes such an outlook, **the only existence** that he views as real and substantial **is that which leads to the fulfillment of** G-d's **intent.** As a result, **he adopts an outlook directly opposite** to that which was mentioned previously. Instead of viewing "whatever (the Torah) allows as certainly permissible," his starting point is, **"What is forbidden – and what runs contrary to G-d's intent** in creation **– is certainly to be refrained from." This refers not only to matters** clearly **forbidden by Torah Law, but also to unnecessary indulgence.**

**When the *yetzer hara* approaches such a person to try to convince him that** a particular behavior **is** not mere indulgence but rather **a necessity, he retorts, "Bring proof!" Since the fundamental presumption (the *chazakah*) under which he operates is that everything is G-dliness,** it follows that he must have a reason and a purpose for any worldly matters he engages in, for as stated above, **"When one seeks to expropriate property from another, the burden of proof [for his claim] rests on him."**

This outlook explains a classic **chassidic expression,**[23] **"What is forbidden is forbidden, and what is permitted is superfluous."**

Such an approach **is the** direct result **of "enter[ing] the ark," of immersing oneself in the words of Torah and prayer so that one always be encompassed by them. When a person accepts as a given that the primary existence is Torah and prayer and that everything else exists only for their sake,** his entire life is oriented in that direction. **His involvement in material matters** – which is obviously a must, **for**

לִהְיוֹת לוֹ יִתְבָּרֵךְ דִּירָה בַּתַּחְתּוֹנִים[טו] (דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וועלְט ווַיְיל עֶר הָאט גֶעוואָלְט הָאבְּן אַ דִירָה, כִּבְיָכוֹל, דָא לְמַטָּה) - דֶעמָאלְט אִיז דָאךְ "מְצִיאוּת" נָאר דָאס וואָס עֶס בְּרֶענְגְט צוּ דֶער דָאזִיקֶער כַּוָּנָה, דֶערְפַאר בְּרֶענְגְט דָאס צוּ אַן אוּמְגֶעקֶערְטְן אוֹיסְפִיר: דָאס וואָס מֶען טָאר נִיט - אוּן בְּמֵילָא אִין ווִידֶערְשְׁפְּרוּךְ צוּ דֶער דָאזִיקֶער כַּוָּנָה - טָאר מֶען נִיט, אוּן נִיט בְּלוֹיז דְבָרִים הָאֲסוּרִים, נָאר אֲפִילוּ מוּתָּרוֹת (אוּמְנוֹיטִיקֶע זַאכְן), טָאר מֶען אוֹיךְ נִיט. אִיז בְּשַׁעַת דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט צוּ גֵיין מִיט אַ טַעֲנָה אוּן זָאגְט אַז דָאס דַארְף מֶען, עֶנְטְפֶערְט מֶען אִים: בְּרֶענְג אַ רַאְיָה! ווָארוּם דִי חֲזָקָה אִיז דָאךְ אַז עֶס אִיז פַאראַן בְּלוֹיז אֱלֹקוּת, מִמֵילָא אִיז דָאךְ "הַמּוֹצִיא מֵחֲבֵרוֹ עָלָיו הָרְאָיָה"[טז] (דֶער ווֶעלְכֶער ווִיל עֶפֶּעס אַרוֹיסְבַּאקוּמֶען פוּנֶעם צְווֵייטְן מוּז עֶר בְּרֶענְגֶען דִי רַאְיָה אַז עֶר אִיז גֶערֶעכְט).

אוּן לוֹיט דֶעם חֲסִידִישְׁן ווָארְט: "ווָאס מֶען טָאר נִיט - טָאר מֶען נִיט, אוּן ווָאס מֶען מֶעג - דַארְף מֶען נִיט".

אוּן דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן "בֹּא אֶל הַתֵּבָה" - אַרַיְינְגֵיין אִין דִי "תֵּיבוֹת" פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה - זַיְין שְׁטֶענְדִיק אַרוּמְגֶערִינְגְלְט פוּן זֵיי. אוּן בְּשַׁעַת בַּיי אִים ווֶערְט אָפְּגֶעלֵייגְט אַז דֶער עִיקַר מְצִיאוּת אִיז תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן זַיְינֶען נָאר צוּלִיבּ דֶעם, דֶעמָאלְט אִיז כָאטשׁ אֲפִילוּ עֶר אִיז זִיךְ עוֹסֵק אִין גַשְׁמִיוּת

---

22. See ***Midrash Tanchuma, Parshas Naso,* sec. 16.**

23. *Hayom Yom*, entry 25 Adar II; *Igros Kodesh* of the Rebbe Rayatz, Letter no. 907, Heb. Vol. 4, p. 74.

וכו׳ ווַיְיל מֶען דַארְף דָאך הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטְן גוּף, ווֶערְט דָאס זֶעלְבְּסְט אַן עֲבוֹדָה, אָדֶער אַן עִנְיָן צוּלִיבּ עֲבוֹדָה.

דִי אֵיינְצִיקֶע עֵצָה ווִי אַזוֹי פָּטוּר צוּ ווֶערְן פוּן דִי מַבּוּל־ווַאסֶערְן, סַיי פוּן תְּהוֹם רַבָּה סַיי פוּן אֲרוּבּוֹת הַשָּׁמַיִם אִיז - בֹּא אֶל הַתֵּבָה. דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִיט קֵיין שַׁיְיכוּת צוּ קֵיין זַאך ווָאס אִיז נִיט קֵיין עִנְיָן פוּן קְדוּשָׁה, אוּן אַלֶע זַיְינֶע עִנְיָנִים אוּן בַּאדֶערְפֶענִישְׁן ווֶערְן בַּיי אִים אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַן אוֹפֶן פוּן ״בְּכָל דְרָכֶיךָ דָעֵהוּ״יז.

(משיחת ש״פ בראשית תשי״ז)

maintaining **one's physical well-being is essential – is itself transformed into an act of Divine service, or** at least **into a factor contributing to his Divine service.**

**The only way to free oneself from** the worries and challenges posed by **the waters of the Flood – both those stemming from "the awesome depths** of the earth" **and from "the portals of heaven" – is to "enter the ark"** of Torah study and prayer. **Then,** the person is **no** longer **connected to anything unrelated to holiness.** Instead, **all his activities and** even his everyday **needs are permeated with the approach of "Know G-d in all your ways."**[24]

24. *Mishlei* 3:6.

א) ישעי׳ נד, ט.
ב) תורה אור פרשת נח ד״ה מים רבים.
ג) הלכות מקוואות פרק יא הלכה יב (בשינוי לשון קצת).
ד) חגיגה יא, א.
ה) סידור סוף כוונת המקוה.
ו) דברים ד, ד.
ז) תניא פרק כג, זע דארט פרק מו. לקוטי תורה בחוקותי מה, ג ובביאור. מכתב כ״ק אדמו״ר (מוהריי״צ) נ״ע - געדרוקט אין התמים חוברת ו ע׳ כה (אג״ק ח״י ע׳ שסט ואילך). וראה לקו״ש ח״ז ע׳ 30 ואילך.
ח) תורה אור ט, א.
ט) סדר היום. שולחן ערוך אדמו״ר הזקן מהדורא תנינא, סימן א סעיף ו.
י) תמיד לב, א.
יא) תניא פרק מג. לקוטי תורה נשא כו, ד.
יב) זהר חלק א׳ קצט, ב. זהר חלק ב׳ סב, ב.
יג) ישעי׳ מג, ז. אבות סוף פרק ו.
יד) לקוטי תורה פנחס עט, ד.
טו) תנחומא נשא, טז. (בשינוי לשון קצת).
טז) ב״ק מו, ב.
יז) משלי ג, ו.

# NOACH II | נח ב

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Bereishis,* 5717 (1956)

## Introduction

The analogy may seem simple, but its message resonates:

Several people are traveling together in a boat. Suddenly, one passenger takes out a drill and begins boring a hole beneath his seat. The others rush to stop him. "What are you doing?" they cry. "Water will flood in and we'll all drown!" He looks up, puzzled by their concern. "This is my seat," he replies. "I can do what I want with it."

Everyone immediately recognizes the absurdity of his reasoning. In a boat, there are no private sections. What affects one passenger's area affects the entire vessel. Individual actions have collective consequences.

The takeaway from this analogy is reflected in the *sichah* that follows. In the previous *sichah* in this collection, the Rebbe explained how a person can save himself from the metaphorical "floodwaters" by entering the ark – the *teivah* – whose counterpart is the *teivos,* "words" of Torah study and prayer. Extending that lesson, the Rebbe exhorts us not to remain content merely with saving ourselves. We bear responsibility for those around us and, in a larger sense, the entire world. All Jews – indeed, all existence – form one interconnected whole and each of us possesses the potential to help bring the world to its desired purpose.

# Noah's Lesson – Saving Ourselves Isn't Enough

## Looking Beyond Oneself

**1. The intent** of the command to enter the ark[1] **is not that we should simply shut ourselves away in arks – the words**[2] **of Torah and prayer – without paying any attention to what happens with others, claiming "I have saved my soul."**[3] **The Torah's instruction "Enter the ark… you and your sons and your wife and your sons' wives"**[4] **teaches** otherwise. **Not only you, but also your household** should enter the ark. **Similarly, "your sons" refers to your students.**[5] **Ultimately, this includes all of Israel, who are included in** the words **"your wife"** or **"your sons,"** for **a wife represents one who receives,**[6] **and every Jew receives from his fellow since all of Israel form one complete body.**[7]

**We must bring all of them into the ark – meaning, we must influence all of Israel to enter into the words of Torah and prayer. Before the Giving of the Torah, there was room for error; one could think, "What do I care about the other person? I have saved my soul." Nevertheless, even then, G-d told Noach, "Enter**

א. מיינט דאָס אָבער ניט, אַז ער דאַרף בלויז זיך איינשליסן אין דער תיבה - תיבות התורה והתפלה - און וואָס עס טוט זיך מיט אַ צווייטן וועט אים אין גאַנצן ניט אינטערעסירן - טענה'נדיק "אני את נפשי הצלתי" (זיך אַליין האָב איך געראַטעוועט).

אויף דעם זאָגט אונז די תורה: בא אל התיבה אתה ובניך ואשתך ונשי בניך. ניט נאָר דו אַליין, נאָר אויך דיינע בני בית, און אויך "בניך - אלו התלמידים"[יח], און אין ענדציל מיינט דאָס - אַלע אידן, וואָס דאָס גייט אַריין אין דעם כלל פון אשתך אָדער פון בניך, וואָרום אשה איז דער ענין פון מקבל[יט], און יעדער איד איז דאָך בבחינת מקבל וואָס איין איד איז מקבל פון צווייטן, וואָרום אַלע אידן זיינען אַ קומה אחת שלימה[כ] (איין גאַנצע געשטאַלט).

דאַרפסטו זיי אַלעמען אַריינעמען אין דער תיבה, ד. ה. דו דאַרפסט ווירקן און משפיע זיין אויף אַלע אידן אַז זיי זאָלן אַריינגיין אין די תיבות פון תורה און תפלה.

אַפילו פאַר מתן תורה - וואָס מען האָט געקענט האָבן אַ טעות און מיינען: וואָס גייט מיר אָן פאַר אַ צווייטן - אני את נפשי הצלתי - איז אַפילו דעמאָלט, האָט דער אויבערשטער געזאָגט נח'ן

---

1. See the previous *sichah*.

2. As mentioned above, the Hebrew word *teivah* means both "ark" and "word."

3. Cf. *Yechezkel* 3:21.

4. *Bereishis* 7:1, 6:18.

5. ***Sifri*** **on** *Devarim* 6:7, **"You shall teach them to your children."**

6. **The Mitteler Rebbe's** ***Biurei HaZohar, Parshas Noach,*** p. 6a, b, **on the** ***Zohar's*** (*Zohar,* Vol. I, p. 59b) **teaching** on the verse (*Bereishis* 2:10), **"A river emerged from Eden."**

7. ***Likkutei Torah, Devarim,*** **p. 44a,** ***et al.*** See also *Tanya, Iggeres HaKodesh,* Epistle 31. Just as all the limbs and organs of the body contribute to each other, creating one complete entity, so too, every Jew contributes to his fellow, enabling him to reach a state of completion.

the ark, **you …. and your wife…,**" i.e., he had a responsibility for others. **How much more so does this apply after the Giving of the Torah**[8] – and **after the mutual responsibility** of the Jewish people was established at their encampment **on the plains of Moav,**[9] **where all Israel became responsible for one another.** From that time onward, **certainly, there is no possibility of fulfilling our obligation by taking care of ourselves alone. The condition of others must genuinely and** deeply **affect us.**

**As mentioned previously, the entire Jewish people constitute one complete body. Just as in the human body, the health of one limb affects the health of the other limbs, so too, in the entire "body" of the Jewish people, the spiritual health of** each individual **Jew affects** all **others. As such, when one does not have a** positive **effect on another Jew, he will also be lacking** himself.

"בא אתה וגו' ואשתך וגו' " - און בפרט נאָך מתן תורה, נאָך דער ערבות פון ערבות מואב, וואָס כל ישראל ערבים זה בזה[כא], קען מען אַוודאי ניט יוצא זיין מיט זיך אַליין. דער מצב פון צווייטן אידן דאַרף אָנרירן מיט אַן אמת און אין אַ פּנימיות.

ווי פריער דערמאָנט, זיינען אַלע אידן אַ קומה אחת, און אַזוי ווי אין מענטשלעכן קערפּער איז דער געזונט פון איין אבר פאַרבונדן מיט דעם געזונט פון דעם צווייטן אבר, אַזוי איז אויך אין דער קומה שלמה פון כנסת ישראל.

דער גייסטיקער געזונט פון איין אידן רירט אָן דעם צווייטן אידן. במילא - בשעת ער טוט ניט מיט יענעם, פעלט עס במילא אויך אין אים אַליין.

## Not Just Doing – Reaching Out to Others with Our Hearts and Minds

**2. What was mentioned before – that we need to influence other Jews, and particularly the members of our families – should not be done merely to fulfill an obligation; we must invest ourselves in** these efforts with dedication.

**There is a well-known saying of the Rebbe Rashab:**[10] **Just as putting on *tefillin* every day is a Scriptural *mitzvah* for every Jew without distinction – whether he is a respected Torah scholar or a simple person – so too, it is an absolute obligation for every Jew to think every day for at least half an hour about the education**

ב. דאָס וואָס מען זאָגט, אַז מען דאַרף פּועל'ן אויך אויף אַנדערע אידן און בפרט אויף די בני בית - דאַרף מען דאָס טאָן ניט גלאַט פון יוצא וועגן, נאָר מען דאַרף טאַקע זיין אַריינגעטאָן אין דעם.

ווי דער באַוואוסטער וואָרט פון כ"ק אדמו"ר (מוהרש"ב) נ"ע[כב]: אָט אַזוי ווי לייגן תפילין יעדן טאָג איז אַ מצוה דאורייתא אויף יעדן אידן, אָן אונטערשייד צי אַ גדול בתורה צי אַ פשוט'ער מענטש, אַזוי איז אויך אַ חוב גמור אויף יעדן אידן טראַכטן יעדן טאָג, לכל הפחות אַ האַלבע שעה, וועגן דעם

8. At the Giving of the Torah, the Jews were bonded together as a nation, not merely a group of individuals. See *Likkutei Sichos,* Vol. 15, p. 41, footnote 62.

9. ***Shevuos* 39a.** This refers to the covenant of mutual responsibility described by *Rashi* commenting on *Devarim* 29:28. Although the covenant did not actually take effect until the blessing and the curse were pronounced on Mount Gerizim and Mount Eival (see *Devarim* 11:29, 27:12; *Yehoshua* 8: 33), the concept of mutual responsibility was introduced in the plains of Moav. See *Tz'lach, Berachos* 20b.

10. *Toras Shalom,* p. 54 quoted in the *Igros Kodesh* of the Rebbe Rayatz, letter no. 561, Vol. 2, p. 385, and in ***HaYom Yom,* entry 22 Teves.**

**of his children and to do everything in his power – and even** what is **beyond his power – to influence his children to conduct themselves in the way they are being guided.**

**One might ask: Why did the Rebbe** Rashab **specifically mention the *mitzvah* of *tefillin*?** After all, **there are many *mitzvos*. Why did he choose the *mitzvah* of *tefillin* specifically? One of the implications** of this choice **is that the *mitzvah* of *tefillin* is not merely a *mitzvah* involving action. Its inner theme is the subjugation of one's heart and mind, as stated in the *Shulchan Aruch*[11] and in *Tanya*.[12]**

**The same applies regarding influencing the members of our households. We should not do this merely to fulfill an obligation, but rather we must invest our minds and hearts in this** effort. **When a person does not content himself with** saving **his own self alone, but takes action – and commits himself** sincerely **– to saving another Jew from the "harmful, raging flood waters"[13] and bringing him into the ark, he can also be confident about himself,** knowing **that he will remain whole.**

חינוך פון קינדער, און טאָן אַלץ וואָס ער איז בכוח און אַפילו איבער די כוחות, צו פועל'ן ביי די קינדער אַז זיי זאָלן גיין אין דעם דרך וואָס מען דערציט זיי.

אין פלוג - פאַרוואָס האָט דער רבי נ"ע דערמאָנט די מצוה פון תפילין דוקא? עס זיינען דאָך פאַראַן נאָך אַנדערע מצוות? - נאָר איינער פון די רמזים אין דעם איז, ווייל די מצוה פון תפילין איז ניט נאָר אַ מצוה מעשית, נאָר איר פנימיות'דיקער ענין איז: שעבוד הלב המוח (אונטערטעניקן די האַרץ און דעם מוח). אַזוי ווי עס שטייט אין שלחן ערוך[כג] און אין תניא[כד]. אַזוי דאַרף עס אויך זיין אין זיין ווירקונג אויף די בני בית: מען דאַרף עס טאָן ניט בלויז אין אַן אופן פון יוצא-וועגן, נאָר מען זאָל אין דעם אַריינלייגן די קאָפּ און דאָס האַרץ.

און בשעת ער באַנוגנט זיך ניט מיט זיך אַליין, נאָר ער טוט - און ניט סתם געטאָן נאָר מיט שיעבוד - אויף צו ראַטעווען נאָך אַ אידן פון די מים הזידונים פון מבול און אַריינברענגען אים אין תיבה - דעמאָלט קען ער זיין זיכער אויך מיט זיך אַליין, אַז ער וועט בלייבן גאַנץ.

## More Than What We Can Do Alone

**3. To explain the matter: Every endeavor requires Divine assistance. Therefore, after Noach entered the ark, he was still in need** of G-d's help; it was necessary for **"G-d [to] protect [the ark] for him."[14]**

**If** a person tries to **enter the ark – the words of Torah and prayer – with his own power alone, there is a possibility that the manner in which he will do so will not be desirable at all.** As such, his prayer and study

ג. די דערקלערונג אויף דעם איז:

אויף יעדער זאַך דאַרף מען האָבן אַ סיוע (הילף) מלמעלה. דערפאַר איז נאָכדעם ווי נח איז שוין אַריין אין דער תיבה האָט מען ערשט באַדאַרפט האָבן דעם ויסגור ד' בעדו - אַ סיוע מלמעלה.

אויב מען זאָל אַריינגיין אין דער תיבה - תיבות התורה והתפלה - מיט דעם אייגענעם כוח, קען זיין, אַז עס זאָל אינגאַנצן ניט זיין ווי עס באַדאַרף צו זיין.

11. The Alter Rebbe's *Shulchan Aruch* 25:11.

12. *Tanya,* ch. 41.

13. Cf. *Tehillim* 124:5.

14. *Bereishis* 7:16, as understood by *Rashi, Radak,* and others.

will not lead to Divine blessings. In that vein, **our Sages**[15] interpreted the verses,[16] "Why was the land destroyed?… Because they forsook my Torah," as meaning that the Jews' sin was not that they did not study the Torah, but that "**they did not make a blessing over the Torah first.**"

The reason why the failure to recite **the blessing** over Torah study carried so much weight is that before Torah study, **we** praise G-d "**who... gave us His Torah," and we conclude with "who gives the Torah" – using the present tense of "gives." In other words, the one making the blessing knows** – and states openly – **that he is receiving the Torah from G-d. Saying that the** Jews "**did not make a blessing over the Torah first," means that** even **when they studied Torah, they forgot – Heaven forbid – about the Giver of the Torah.** Accordingly, the Torah they studied did not elicit Divine blessing and did not protect the land.

**Similar concepts apply concerning prayer: It is possible to pray without the prayer being felt** in one's heart. As a result, **it will not influence the actions the person carries out throughout the day and ensure that they are as they ought to be.**

After all, **the main intent in "enter[ing] the ark" is not to remain in the ark, but to go out into the world afterwards and transform it into a dwelling place for G-d.** Now, **for prayer** to be powerful enough **to influence** a person's **entire day, he must pray in such a manner that he is not aware of the existence of the world at all while he is praying. He should be totally detached from the world; all he is conscious of is G-dliness.** When he prays in such a manner, **when he returns to the world afterwards, he sees a new world, as Noach did.**[17]

אַזוי ווי דער מאמר רז"ל: שלא ברכו בתורה תחילה[כה], וואָס דער מיין דערפון איז, וואָס אין דער ברכת התורה זאָגט מען "אשר כו' ונתן לנו את תורתו" און מען פאַרענדיקט "נותן התורה" - וואָס נותן איז לשון הווה (קעגנוואַרט) - ד. ה. ער ווייסט אַז די תורה באַקומט ער פון דעם אויבערשטן; אָבער שלא ברכו בתורה תחילה. מיינט, אַז לערנענדיק תורה האָט מען פאַרגעסן ח"ו אויף דעם נותן התורה.

אַזוי אויך אין תפלה: קען זיין אַז מען זאָל דאַוונען, אָבער דער דאַוונען זאָל ניט נרגש ווערן ביי אים, און עס זאָל ניט פועל'ן אויף זיינע אַלטעגלעכע ענינים אַז זיי זאָלן זיין ווי עס דאַרף צו זיין.

וואָס דאָס אין דער עיקר כוונה פון בא אל התיבה - ניט צו פאַרבלייבן אין דער תיבה, נאָר אַרויסגיין דערנאָך אין וועלט און מאַכן וועלט פאַר אַ דירה צום אויבערשטן.

אָבער כדי דער דאַוונען זאָל פועל'ן אויפן גאַנצן טאָג, דאַרף דער דאַוונען זיין אויף אַזאַ אופן, אַז בשעת דעם דאַוונען ווייס ער גאָר ניט פון דער מציאות פון וועלט, ער איז דעמאָלט אויסגעטאָן אינגאַנצן פון וועלט, ער ווייס נאָר ג-טלעכקייט, און שפּעטער, נאָכן דאַוונען, ווען ער קומט אין וועלט איז - אַזוי ווי ביי נח'ן - עולם חדש ראה, ער האָט דערזען אַ נייע וועלט.

15. ***Nedarim*** **81a,** *Bava Metzia* 85b.

16. *Yirmeyahu* 9:11-12.

17. *Bereishis Rabbah* 30:8, *et al.* The Rebbe appears to be implying that after praying in this manner, when the person looks at the world, it will appear entirely different to him than before; he will be able to appreciate its latent G-dliness. See *Toras Menachem,* Vol. 30, p. 273.

In this vein, **it is told**[18] **that, before praying, the Baal Shem Tov would wonder whether he would remain alive,** a soul **in a body, after prayer. He was not certain whether** he would continue to live **because** his **soul** might **expire** due to his intense yearning to cling to G-d **during his prayer.**

אַזוי ווי מען דערציילט אויף דעם בעל שם טוב[כו], אַז פאַרן דאַוונען פלעגט ער זיך אַריינטראַכטן אויב נאָכן דאַוונען וועט ער בלייבן לעבן אין זיין גוף. ער איז ניט געווען זיכער אין דעם, מצד דעם "כלות הנפש" וואָס ער פלעגט האָבן ביים דאַוונען.

As mentioned before, **there is a need for help and assistance from Above for Torah study and prayer to be as they should, as it is written, "G-d protected** [**the ark,** i.e., 'the words'] **for him." A person becomes worthy to receive this help and assistance as a result of his devotion to other Jews. Then, as our Sages**[19] **comment on the verse,**[20] **"G-d enlightens the eyes of both," he will also experience light. He will be able to "enter the ark" as he should.**

און בכדי אַז תורה און תפלה זאָלן זיין ווי עס דאַרף צו זיין, דאַרף מען האָבן דעם "ויסגר ד' בעדו", דעם עזר וסיוע מלמעלה.

און כדי צו באַקומען די דאָזיקע הילף מלמעלה, איז דאָס דורך דעם אָפּגעבן זיך מיט אַ צווייטן אידן. דעמאָלט איז ווי די רז"ל זאָגן[כז] אויף דעם פסוק מאיר עיני שניהם ד'[כח] - אַז אויך ביי אים ווערט ליכטיק - און דאַן איז דער "בא אל התיבה" ווי עס דאַרף צו זיין.

## For G-d's Dwelling to Encompass All Existence

**4.** The narrative of the Flood provides us with a **further** lesson: **G-d told Noach to bring into the ark everything in the world that was liable to be destroyed, "from all living things,** all flesh…."[21]

**The lesson** that **every Jew** can derive **from this is:** The very fact **that one knows that within the world,** there exists an **entity that it is liable to be lost and destroyed unless he invests effort** in it, **obligates him to bring it into his ark.** His responsibility is **to save it and elevate it to G-dliness. The thought that "this doesn't concern me" contradicts the concept of Divine Providence. The fact that G-d brought about his awareness of the existence of this entity – and,** moreover, **that the entity is liable to be lost and destroyed unless he invests effort** in saving it – **is certainly** for

ד. נאָך מער געפינען מיר, אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו נח'ן, ער זאָל אַריינגעמען אין דער תיבה אַלע וועלט-ענינים וועלכע קענען פאַרלאָרן גיין - מכל החי וגו'.

די הוראה ( אָנווייזונג) דערפון צו יעדן אידן איז:

אַלץ וואָס עס איז פאַראַן אין וועלט וואָס ער ווייסט אַז אָן זיין באַמיאונג וועט דאָס חרוב און פאַרלאָרן ווערן - ליגט אויף אים אַ פליכט אַריינצונעמען דאָס אין זיין תיבה, כדי צו ראַטעווען און דערהויבן דאָס צו ג-טלעכקייט. אויב ער מיינט אַז דאָס האָט ניט קיין שייכות צו אים איז דאָס קעגן דעם יסוד פון השגחה פרטית: אַז וויבאַלד דער אויבערשטער האָט אַזוי געפירט אַז ער ווייס פון דער מציאות, אַז אַזאַ זאַך איז פאַראַן, און אַז אָן זיין באַמיאונג וועט דאָס חרוב

---

**18.** See *Tzava'as HaRivosh,* secs. 35 and 42. See the marginal note in *Toras Menachem,* Vol. 44, p. 10.

**19.** ***Temurah*** **16a.**

**20.** ***Mishlei*** **29:13.**

21. *Bereishis* 6:19.

22. Ibid. 6:16.

a reason: **so that he should draw it close** in order to **elevate it** to its G-dly source.

**Such a course** of action makes one worthy of **receiving assistance from Above,** enabling him **to "enter the ark,"** and to proceed **until he achieves** the state alluded to by **אל אמה תכלנה מלמעלה, "to a cubit you shall complete it from above."**[22] **אמה, "a cubit," is an acronym for the words אלקינו מלך העולם,** ***Elokeinu Melech HaOlam,*** **"our G-d, King of the Universe."**[23] To explain: By making **"our G-d," the G-d of Israel,** we ensure that He becomes also **"King of the Universe."**

**The verse continues תכלנה מלמעלה, which literally means "you shall complete it from above."** However, according to *Chassidus,* it is interpreted to mean that **also the "conduits,"** ***keilim*** **(כלים), for sustenance are granted מלמעלה from Above.**[24] This follows the motif, **"He will sustain you (יכלכלך),"**[25] i.e., He will provide the conduits, ***keilim*** **(כלים),** for your blessings.[26] Our achievements **will extend** until we bring about **"My rainbow I have set in the cloud."**[27] **The rainbow is associated with** the glow of **G-d's** Presence.[28] In other words, through this service, a person **makes the entire world a dwelling place,** illuminated by the light of **G-d's Essence.**

**און פאַרלאָרן ווערן - איז דאָס זיכער צוליב דעם, כדי ער זאָל דאָס מקרב און מעלה זיין.**

**און דעמאָלט באַקומט ער די הילף און סיוע מלמעלה אויפן "בא אל התיבה" ביז עס וועט ביי אים ווערן "ואל אמה תכלנה מלמעלה", אמה איז ראשי תיבות - אלקינו מלך העולם, דורך אלקינו (ג־ט פון אידן) ווערט - מלך העולם[כט]; תכלנה מלמעלה - אויך די כלים (אויף פרנסה) גיט מען אים מלמעלה[ל], על דרך "והוא יכלכלך"[לא] - ביז "את קשתי נתתי בענן" מוקש לי[לב] - דער קשת (רעגנבויגן) איז, כביכול, צוגעגליכן צום אויבערשטן - אַז ער מאַכט די גאַנצע וועלט פאַר אַ דירה צו עצמותי יתברך.**

(משיחת ש"פ בראשית חשי"ז)

---

**23.** ***Likkutei Torah, Bamidbar,*** **p. 91d.**

**24. The** ***maamar*** **entitled** ***Tzohar Ta'aseh,*** **5691.**

**25.** ***Tehillim*** **55:23.**

26. See *Sefer HaMaamarim Kuntreisim,* Vol. 2, p. 338b, *et al.*

27. *Bereishis* 9:13.

**28.** ***Bereishis Rabbah*** **35:3.**

---

יח) ספרי אויפן פסוק ושננתם לבניך.
יט) ביאורי הזהר פ' נח על מאמר הזהר ונהר יוצא מעדן.
כ) לקוטי תורה ריש פ' נצבים. ובכמה מקומות.
כא) שבועות לט, א.
כב) היום יום - כ"ב טבת תש"ג.
כג) אדמו"ר הזקן, אורח חיים סימן כה, סעיף יא.
כד) פרק מא.
כה) נדרים פא, א.
כו) זע צוואת הריב"ש אין אנפאנג.
כז) תמורה טז, א.
כח) משלי כט, יג.
כט) לקוטי תורה מסעי צא, ד.
ל) ד"ה צהר תעשה תרצ"א.
לא) תהלים נה, כג.
לב) בראשית רבה פרק לה, ג.

# NOACH III | נח ג

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Noach,* 5717 (1956)

## Introduction

We often hear praise for "an A for effort" – celebrating those who work hard even when their achievements fall short of other's. It's a comforting thought: If you can't reach the heights, at least you tried your best.

But that's not the message the Rebbe delivers in this *sichah*. The focus here isn't on appreciating a person's hard work despite limited success. It's about what it takes to work hard.

Why is working hard important? Because in doing so, we are going beyond the limits of our own capacities. And the only way to surpass our natural capacities is by accessing something within ourselves that isn't limited at all – the Divine spark of our souls. When we push past what we thought possible, we're not just exerting more effort; we're revealing an unlimited G-dly dimension that transcends all boundaries.

In this framework, reaching impressive heights while remaining within our comfort zone may actually be less significant than a seemingly modest accomplishment that required us to shatter our perceived limitations. The measure isn't what we accomplished, but whether we broke through to access the infinite potential we inherently possess.

This defines the nature of our Divine service at the present time. After the peak spiritual moments of the Tishrei holidays, we cannot sit back and relax. There is always a loftier level that we can aspire to – because both G-d and the soul are unlimited.

# Navigating Transition

## Purifying Waters

**1. There exists a manuscript[1] from the Rebbe, the *Tzemach Tzedek,* on the teaching,[2] "Rabbi Akiva declared, 'Fortunate are you Israel – before whom do you purify yourselves, and who purifies you?** Your Father in Heaven!'" **The** *Tzemach Tzedek* composed **this manuscript during the months of Elul and Tishrei, and the connection of his teaching to this time of year is understood straightforwardly as the subject matter concerns the service of *teshuvah,* "repentance,"** the theme of these months. **For the same reason, the *mishnah* beginning, "Rabbi Akiva declared…," was placed at the conclusion of Tractate *Yoma*, which describes the Divine service of Yom Kippur.**

**Similarly, there exists a *maamar*** from the Rebbe Rashab **beginning with the words, "Rabbi Akiva declared…," from 50 years ago – *Shabbos Parshas Noach*, 5667. Since it was delivered on *Parshas Noach,* there is** certainly **a connection to this week's Torah portion. That connection can be explained straightforwardly according to the teaching in *Torah Or* that** the waters of **the Flood parallel the purifying waters of a *mikvah*.** (See **sec. 1** of the first *sichah* on this Torah reading.)

א. עס איז פאַראַן אַ רשימה (אַ תורה-פאַרצייכענונג) פון כ"ק אדמו"ר הצמח צדק, וועלכע הויבט זיך אָן: אמר ר' עקיבא אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם[לג]. די צייט פון דער רשימה איז פון די חדשים אלול און תשרי, די שייכות פון "אמר ר' עקיבא וכו'" צו דעם דאָזיקן זמן איז פאַרשטאַנדיק, וואָרום עס רעדט זיך דאָך וועגן דער עבודה פון תשובה. דערפאַר אויך איז די משנה אמר ר' עקיבא אַריינגעשטעלט געוואָרן צום סוף פון מסכת יומא, וואו עס ווערט באַהאַנדלט די עבודה פון יום כיפור.

עס איז אויך דאָ אַ מאמר חסידות מיט דעם זעלבן אָנהויב (אמר ר' עקיבא) פון שבת פרשת נח תרס"ז, מיט פופציק יאָר צוריק. וויבאַלד אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין פרשת נח איז אַ סימן אַז דאָס האָט שייכות צו דער פרשה. קען מען זאָגן בפשטות, לויט ווי עס ווערט דערקלערט אין תורה אור, אַז דער מבול איז געווען על דרך ווי די וואָסער פון מקוה וועלכע זיינען מטהר (זע אובן סעיף א).

## The Dual Dynamic of *Teshuvah*

**2. There are two dimensions of *teshuvah:*** a) ***teshuvah* in a simple sense, repentance for sin, and b) the inner content of *teshuvah*[3] – "the**

ב. אין תשובה זיינען פאַראַן צוויי ענינים: א. פשוט - תשובה טאָן אויף זינד. ב. דער פנימיות'דיקער ענין פון תשובה[לד] -

---

1. Later published in *Or HaTorah, Devarim,* Vol. 3, p. 1576.

2. *Yoma* 85b.

3. See *Likkutei Torah,* the beginning of *Parshas Haazinu,* p. 72b.

**spirit returns to G-d who gave it”**[4] – which, **in Divine service, expresses the inner will of the heart that transcends reason and understanding.**

**The precision of the twofold question, “Before whom do you purify yourselves, and who purifies you?” is to be understood accordingly: “Before whom do you purify yourselves” refers to** man’s efforts to do ***teshuvah,*** refine himself, and **ascend from below – this is repentance for sin. “Who purifies you?” refers to *teshuvah* that is granted from Above to below,** something man cannot attain on his own – in other words, it refers to his expression of the spiritual potential granted to him by G-d, as expressed by the verse, **“the spirit returns to G-d who gave it.”**

Based on **the Baal Shem Tov’s well-known interpretation**[5] **of** G-d’s command to Noach, **“Enter the ark (*teivah*),” as referring to entering** and investing oneself **in the** words (*teivos*) and **letters of Torah and prayer, it can be said that these two dimensions of *teshuvah* are also alluded to in *Parshas Noach*. Torah and prayer represent two** opposite movements: **the Torah that was given from Above to below, and prayer which represents** man’s efforts to **ascend from below. The letters of Torah** resemble **stones created by the hand of Heaven.** By contrast, **the letters of prayer are compared to bricks, which are** counterparts to **stones fashioned by human hands.**[6]

”והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה“[לה]. אין עבודת השם איז דאָס די מדריגה פון רעותא דלבא (טיפער האַרץ באַגער) וואָס איז למעלה מטעם ודעת (העכער פון שכל).

וואָס דאָס איז אויך דער דיוק פון דעם דאָפּלטן לשון: ”לפני מי אתם מטהרים“ און - ”מי מטהר אתכם“. די ערשטע - לפני מי אתם מטהרים - איז די תשובה מלמטה למעלה - די תשובה אויף זינד. די צווייטע - מי מטהר אתכם - איז די תשובה מלמעלה למטה - והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה.

קען מען זאָגן, אַז די צוויי ענינים פון תשובה זיינען מרומז אויך אין פרשת נח - ווי עס איז באַוואוסט דער פירוק פון בעל שם טוב אויפן פסוק בא אל התיבה - מען זאָל אַריינגיין אין די אותיות פון תורה און תפלה, וואָס די דאָזיקע צוויי ענינים - תורה און תפלה - זיינען מלמעלה למטה (תורה) און מלמטה למעלה (תפלה). אותיות פון תורה זיינען אין דער בחינה פון אבנים וואָס זיינען געמאַכט בידי שמים, אותיות פון תפלה זיינען צוגעגליכן צו לבנים (ציגל), וואָס דאָס זיינען אַבנים שבידי אדם[לו].

## When No Limits Are Sufficient

3. The inner **will of the heart and self-sacrifice that transcend reason and understanding can be manifest in different ways – in lofty forms, and** also **in simple, basic forms.**

**Self-sacrifice means surrendering one’s will.**[7]

ג. דער ענין פון רעותא דליבא און מסירת נפש וואָס איז העכער פון טעם ודעת, איז פאַראַן אין פאַרשידענע אופנים - הויכע און נידעריקע.

מסירת נפש מיינט מסירת הרצון[לז]

4. *Koheles* 12:7.

5. See p. 14 above.

6. See *Torah Or, Parshas Mishpatim,* p. 77d ff.

7. Ibid., *Parshas Mikeitz,* p. 36b.

To borrow a **Talmudic expression,**[8] **"What difference does it make to me if he kills it entirely or kills it partially?"** Applied personally, this means that **whenever a Jew submits** his own will **to** the will of **G-d, breaking** his ego **even slightly, "killing it partially" – it is also an act of *mesiras nefesh,*** "self-sacrifice."

**Conversely, even those of the loftiest stature should not be content with serving G-d** solely **as defined by** their **reason and understanding. They, too, must break and humble themselves with *mesiras nefesh*. Only then will they be able to access G-dliness, as implied by the verse,**[9] **"I, who am lofty and holy, dwell [– specifically –] with those who are contrite and humble of spirit."**

There are those who **can** legitimately **claim, "Since I am among those of truly lofty stature, why is it not sufficient for me** to serve G-d through **reason and understanding?** After all, **through my** service of **reason and understanding, I achieve no less than what another attains through self-sacrifice."**

**The answer to** such a person **is** implied by the command to love G-d[10] ***b'chol me'odecha*** (**"with all your might"**). *Me'od,* translated as "might," also means "very" or "much." In that context, loving G-d *b'chol me'odecha* means expressing an exceedingly great love that surpasses one's natural limits. However, the term used by the Torah is not *me'od* but *me'odecha,* **"your *me'od,*"** suggesting that each person has his own individual limits that he must transcend.[11] **As long as he remains within** the framework of **his reason and understanding, he** has not gone beyond his limits and, hence, **is not capable of accessing G-dliness. To access G-dliness, it is necessary to** go beyond one's limits and **express *mesiras nefesh.***

**The same applies to the study of *Chassidus:*** **Even** a person **who studies *Chassidus* extensively and conducts himself according to its customs and guidelines –**

- איבערגעבן דעם אייגענעם ווילן, און ווי די גמרא זאָגט - מה לי קטלא כולה מה לי קטלא פלגא[לח], איז מיט יעדער בויג וואָס אַ איד בויגט זיך צוליב דעם אויבערשטן, אַפילו מיט אַ תנועה קלה - איז דאָס אַ קטלא פלגא, איז דאָס אויך מסירת נפש. פון דער אַנדערער זייט אַפילו דער וועלכער איז אַ גדול שבגדולים, איז פאַר אים אויך ניט גענוג די עבודה וואָס על פי טעם ודעת, נאָר אויך ביי אים מוז זיין דער בויג מיט מסירת נפש, וואָס דוקא דעמאָלט וועט ער נעמען ג־טלעכקייט, אַזוי ווי עס שטייט מרום וקדוש אשכון, ואת דכא ושפל רוח[לט] - דוקא.

ער קען ניט טענה'ען, וויבאַלד אַז ער איז אַ גדול שבגדולים, איז פאַרוואָס פאַר אים ניט גענוג טעם ודעת? ער מיט זיין טעם ודעת טוט דאָך אויף ניט ווייניקער ווי אַ צווייטער מיט מסירת נפש?

זאָגט מען אים אַז עס דאַרף זיין "בכל מאדך"[מ], מאד שלך[מא], און כל זמן ער שטייט אין זיין אייגענעם טעם ודעת, קען ער ניט נעמען ג-טלעכקייט, אויף נעמען ג-טלעכקייט מוז מען האָבן מסירת נפש דוקא.

אַזוי איז אויך מיטן לערנען חסידות: אַפילו דער וואָס לערנט חסידות בשופי און פירט זיך לויט אירע מנהגים און אָנווייזונגען,

8. ***Bava Kama*** **65a.**

9. ***Yeshayahu*** **57:15.** We have translated the verse as interpreted in the series of *maamarim* entitled *Yom Tov shel Rosh HaShanah, 5666,* p. 439, *et al.* The literal translation would be different.

10. ***Devarim*** **6:5.**

11. ***Torah Or, Parshas Mikeitz,*** **p. 39d, *et al.***

so much so that **when he examines his surroundings** and compares himself to others, **he imagines that he has already reached the peak** of Divine service – **must be told that** whatever he has achieved **is not sufficient.** He should not be satisfied with what he has accomplished. **There is a necessity for labor,** straining oneself beyond one's limits to the extent of ***mesiras nefesh.***

**As explained in *Kuntreis U'Maayan,*[12] even a person who comprehends concepts well and grasps them easily** must labor in the study of *Chassidus.* True, **he grasps immediately what requires tremendous effort for another to comprehend,** but that refers only to the intellectual dimension of *Chassidus.* To internalize the G-dliness embedded within it, **he must exert himself, for** as long as he remains **in the context of his limited existence,** in his current state, **he has no connection to G-dliness.**

און בשעת ער קוקט אויף דעם אַרום, קען זיך אים דוכטן אַז ער שטייט שוין אין שפּיץ - זאָגט מען אים אַז עס איז ניט גענוג - מען מוז האָבן עבודה און עבודה מיט מסירת נפש.

ווי עס ווערט דערקלערט אין דעם קונטרס "ומעין"[מב], אַז דער וואָס האָט אַ גוטע תפיסה און נעמט אָן ענין גרינג, אַזוי אַז דאָס וואָס אַן אַנדערער דאַרף דערויף האָבן גרויס האָרעוואַניע, נעמט ער דאָס גלייך - פונדעסטוועגן דאַרף אויך ער האָרעווען. וואָרום בשעת ער שטייט אין זיין באַגרענעצטער מציאות ווי ער איז, האָט ער ניט קיין שייכות צו ג-טלעכקייט.

## Gazing from the Peak of the Mountain

**4. This is the allusion implied by reading *Parshas Noach* directly following Rosh HaShanah, Yom Kippur, and the month of Tishrei. On Yom Kippur, "the essence of the day atones,"[13] and G-d forgives all transgressions. It is said regarding Yom Kippur that,** on that day, **the Jewish people are united with G-d** in a singular bond – **"Israel and the King are alone together."[14]** At that point, **the person's entire existence is G-dliness.**

**Accordingly, he might: Why he must serve G-d with *mesiras nefesh*, when his entire existence is G-dliness?**

ד. דאָס איז דער רמז, וואָס גלייך אַרויסגייענדיק פון ראש השנה און יום כיפור און חודש תשרי - לייענט מען פרשת נח.

יום כיפור איז עצומו של יום מכפר[מג] (דער טאָג אַליין איז מכפר) און דער אויבערשטער איז מוחל אַלע עבירות. אויף יום כיפור שטייט, אַז דעמאָלט זיינען פאַראייניקט מיטן אויבערשטן, עס איז "ישראל ומלכא בלחודוהי" און זייער גאַנצע מציאות איז אלקות. קען מען דאָך מיינען, נאָך וואָס דאַרף מען די עבודה פון מסירת נפש, וויבאַלד אַז זייער גאַנצער מציאות איז ג-טלעכקייט? איז באַלד

---

12. ***Kuntreis U'Maayan*, discourse 16, ch. 2.**

13. **See *Rambam, Hilchos Teshuvah* 1:3.**

14. *Zohar,* Vol. I, pp. 64a-b, 208b, Vol. III, p. 32a. Those sources refer to the bond between G-d and the Jewish people celebrated on Shemini Atzeres. Similar concepts apply regarding Yom Kippur. Regarding the connection between Shemini Atzeres and Yom Kippur, see the *maamar* entitled *Lehavin Inyan Simchas Torah,* 5738, *et al.* See also *Likkutei Sichos,* Vol. 4, p. 1153ff. (translated in *Selections from Likkutei Sichos,* Festivals, Vol. 1, p. 98ff.).

Therefore, **immediately after the month of Tishrei, we read *Parshas Noach*,** wherein G-d commands, **"Enter the ark." This suggests** that every person **must apply himself in the two paths of *teshuvah*: from below to Above and from Above to below. *Mesiras nefesh* is necessary because, as long as one has a sense of individual identity, no matter how lofty and refined that identity is, he cannot relate to the Essence of G-d. Instead,** a person **must** go beyond all limits of self, serving G-d **specifically *b'chol me'odecha*.**

ווי מען גייט אַרויס פון חודש תשרי, לייענט מען פרשת נח: "בא אל התיבה" - אַריינגיין איןביידע קוים (ריכטונגען) פון תשובה - מלמטה למעלה און מלמעלה למטה, אַז מען דאַרף האָבן מסירת נפש, וואָרום נעמען עצמות קען מען ניט ווען מען איז אַ מציאות - ווי הויך זיין מציאות זאָל ניט זיין - נאָר עס דאַרף זיין בכל מאדך דוקא.

## To Start All Over Again

**5. Based on this, we can also understand a story related by my revered father-in-law, the Rebbe** Rayatz,[15] **that once, on the day after Yom Kippur, he entered** the study of **his father, the Rebbe** Rashab, **and asked, "Father, what now?"**

**The Rebbe** Rashab **answered him, "Now, we must first begin to do *teshuvah*."**

On the surface, **the answer is difficult to comprehend: This was after the *teshuvah* of Yom Kippur,** when **G-d** had already **"forgiven Israel and pardoned the tribes of Yeshurun."[16] Why then did** the Rebbe Rashab **say that it is necessary to do *teshuvah*?**

**Indeed, the Mishnah[17] relates that,** out of fear that he had sinned unknowingly, **Bava ben Buta would bring a conditional guilt-offering every day except for the day after Yom Kippur, because on that day, the concept of transgression was not relevant.**

**This** can be explained **as follows: The truest form of *teshuvah* is** expressed by the verse,[3] **"The spirit returns to G-d who gave it."** Now, **G-d is**

ה. לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס כ"ק מו"ח אדמו"ר (דער רבי דער שווער) האָט דערציילט, אַז איינמאָל, אויף מאָרגן נאָך יום כיפור, איז ער אַריין צו זיין פּאָטער דעם רבי'ן נ"ע און האָט אים געפרעגט: טאַטע, וואָס איצטער? האָט דער רבי נ"ע אים געענטפערט: איצטער דאַרף מען ערשט תשובה טאָן.

אין פלוג איז ניט פאַרשטאַנדיק: וויבאַלד אַז עס איז שוין געווען די תשובה פון יום כיפור און דער אויבערשטער איז סלחן לישראל ומחלן לשבטי ישרון - היינט וואָס זאָגט מען אַז ער דאַרף ווייטער תשובה טאָן.

- ווי די משנה דערציילט[יז]. אַז בבא בן בוטא פלעגט אַלע טאָג מקריב זיין אַן אשם תלוי, אויסער אויף מאָרגן נאָך יום כיפור, ווייל דעמאָלט איז נאָך ניט שייך קיין זינד. -

נאָר דער פשט איז, אַז וויבאַלד דער אמת'ער ענין פון תשובה איז "והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה", און

15. See *Sefer HaSichos 5689,* p. 25.

16. The Yom Kippur liturgy.

17. *Kerisos* 6:3.

ג-טלעכקייט איז דאָך אומבאַגרענעצט, במילא איז אויך די עבודה פון והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה - אַן אומבאַגרענעצטע.

וואָרום בשעת עס ווערן נמשך אורות מקיפים, גייען די דאָזיקע אורות אַריין אין אַ פנימיות און עס ווערן נמשך העכערע אורות מקיפים, וואָס אין זיי איז די עבודה פון "רעותא דליבא", וואָס איז העכער פון טעם ודעת.

און דאָס איז דער פשט פון דעם ענטפער, אַז "איצטער דאַרף מען ערשט תשובה טאָן", ווייל פריער האָט מען ניט געקענט טאָן די העכערע תשובה, וואָרום מען האָט געהאַלטן ביי נידעריקע ענינים, אָבער נאָך יום כיפור דאַרף מען ערשט תשובה טאָן - דעם פנימיות'דיקן ענין פון תשובה.

**unlimited. As such, the Divine service** mandated by **"the spirit return[ing] to G-d who gave it" is also unlimited.**

Accordingly, there are no bounds to the degree of G-dly light drawn down. **When** a given level of **encompassing lights**[18] **is drawn down, those lights are internalized, and** then even **loftier encompassing lights are drawn down. The Divine service** stemming from **the inner will of the heart that transcends reason and understanding** relates to these loftier levels of G-dly light.

**This is the meaning of** the Rebbe Rashab's **answer: "Now, we must first begin to do** ***teshuvah.*****" Previously,** the Jews **did not have the potential to carry out the loftier level of** ***teshuvah*** **because they were involved with lower matters. After Yom Kippur, one must first begin to do** ***teshuvah*** in its truest sense, accessing ***teshuvah's*** **inner dimension.**

## What Does It Mean to Carry Out G-d's Will?

ו. דאָס איז אין אַלגעמיין דער ענין פון עבודת התשובה און מסירות נפש, מה לי קטלא כולה מה לי קטלא פלגא. פון איין זייט דאַרף מען וויסן אַז אַפילו בשעת מען שטייט אין אַ נידעריקן מצב, פונדעסטוועגן איז יעדער בראָך און בויג וואָס מען ברעכט זיך און מען בויגט זיך צום אויבערשטן, ווערט פאַררעכנט פאַר מסירת נפש, וואָרום "קטלא פלגא" איז אַזוי ווי "קטלא כולה":

און פון דער צווייטער זייט - אַפילו ווען מען שטייט אין אַ הויכער מדריגה קען מען ניט יוצא זיין בלויז מיט דער עבודה פון טעם ודעת, נאָר עס מוז זיין קטלא כולה.

**6. This is the general concept of the service of** ***teshuvah*** **and self-sacrifice,** as reflected in our Sages' words,[8] **"What difference does it make to me if he kills it entirely or kills it partially?"**

**On the one hand,** a person **must realize that even when he is in a** spiritually **degraded state, every time he breaks** his ego **or humbles himself to G-d** – even regarding a small matter – **it is considered self-sacrifice, because "killing it partially" is like "killing it entirely."**

**On the other hand, even those who reach lofty levels cannot fulfill their obligation through service of reason and understanding alone. Instead, self-sacrifice – "killing it entirely" – is required. Moreover, when** such a person **is lacking this**

18. The term encompassing lights, *oros makifim,* refers to a level of G-dly light that is unlimited and hence, cannot be internalized within the world.

dimension of service, **it does not mean that he is missing only a specific detail – the aspect of self-sacrifice. Rather, his entire connection to G-dliness is flawed,** for it is through such devotion – revealing the unlimited dimension of his soul – that he connects to G-d, who is truly unlimited. This is reflected by the verse, **"I, who am lofty and holy, dwell with those who are contrite and humble of spirit,"** i.e., **specifically** among those who have broken and humbled themselves.

**This concept is reflected in a teaching of the Talmud[19] that even one whose Divine service is** motivated by love for G-d **"with all your heart and with all your soul,"[10] but lacks** the love of **"with all your might,"[10] is** one who **"does not carry out the will of the Omnipresent."[19] Moreover,** as one proceeds **through manifold degrees** of spiritual descent, **it is possible that** such an approach **will lead to "not carrying out the will of the Omnipresent" in its literal sense.**

By **contrast, when** the Jews **serve** G-d **with self-sacrifice, "with all your might" – each person according to his measure – even if it is** expressed **in simple forms,** they are **deemed as "carry[ing] out the will of the Omnipresent."** The reward for such service is that **"strangers will arise and pasture your flocks."[20] Even the strangers** – the material environment in which the Jews live – **will not only cease to obstruct** them in their Divine service **but will also assist** them.

און אויב דאָס איז ניטאָ, מיינט דאָס ניט אַז עס פעלט בלויז פּרט - דער פּרט פון מסירת נפש - נאָר עס פעלט דער גאַנצער פאַרבונד מיט ג-טלעכקייט, וואָרום "מרום וקדוש אשכון" איז "ואת דכא ושפל רוח" - דוקא.

אַזוי ווי די גמרא[מה] זאָגט, אַז אַפילו ווען עס איז פאַראַן די עבודה פון בכל לבבך ובכל נפשך - נאָר עס פעלט דער "בכל מאדך" הייסט דאָס שוין "אין עושין רצונו של מקום", און פון דעם קען אַרויסקומען - אחר ריבוי השתלשלות - "אין עושין רצונו של מקום" כפשוטו, אַז מען טוט ניט ר"ל דעם אויבערשטנס ווילן.

אַנדערש אָבער בשעת עס איז פאַראַן מסירת נפש מיטן בכל מאדך - יעדער איינער לויט זיין מהות - איז אַפילו בשעת אַז דאָס איז אין נידעריקע אופנים, הייסט עס שוין "עושין רצונו של מקום" - אַז מען טוט דעם אויבערשטנס ווילן, וואָס דאָס ברענגט דעם "ועמדו זרים ורעו צאנכם"[מו] (פרעמדע וועלן אויפשטיין און פאַשען אייערע שאָף) - אַז אַפילו די פרעמדער פון זיך, ניט נאָר וואָס זיי שטערן ניט, נאָר זיי העלפן נאָך צו[מז].

## After Leaving the Ark

**7.** ***Mesiras nefesh*** **means going beyond one's own self, one's sense of personal identity. However, the intention is** not to experience *mesiras nefesh* and remain at that peak of Divine service, **but that even**

ז. די תנועה פון מסירת נפש מיינט אַרויסגיין פון זיך, פון זיין מציאות. אָבער די כוונה איז אַז

19. ***Berachos*** **35b.**

20. ***Yeshayahu*** **61:5.** See *Berachos,* loc. cit.

afterward, when one returns to the ongoing realities that constitute his ordinary existence, the impact of his *mesiras nefesh* should continue to be felt. This resembles the concept explained[21] regarding the superior quality of the unity of Shemini Atzeres that extends also into the weekdays that follow that holiday.

This idea is also alluded to in the narrative of the Flood. During the Flood, the entire world was inundated by water. All existence was engulfed to the extent that even the heavenly constellations did not function.[22] All creation was nullified. Noach and his family cut off from worldly concerns. Everything was encompassed within the "ark," within the letters of Torah and prayer.

Existence in the ark resembled the Divine service of the month of Tishrei – secluding oneself from, and elevating oneself above, the world. As clarified by the commentary of the *Zohar*[23] and *Likkutei Torah*[24] on the verse, "The ark rested in the seventh month," the resting of the ark reflects the Divine service of the month of Tishrei, the seventh month from Nissan. However, the purpose of the Flood was not the seclusion brought about by the Flood, but its aftermath: What would happen when Noach and his children departed from the ark? Would they be able to then retain the same spiritual focus they had while in the ark, even as they involved themselves in worldly matters?

אויך דערנאָך, ווען ער קומט צוריק אין זיין מציאות, זאָל זיך אָנהערן ביי אים די תנועה פון מסירת נפש.

אַזוי ווי מען האָט גערעדט[מח] וועגן דער מעלה פון אחדות פון שמיני עצרת, אַז זי בלייבט אויך אין די וואָכעדיקע טעג נאָך שמיני עצרת.

און דאָס איז אויך מרומז אין דעם ענין פון מבול, בשעת דעם מבול, איז די גאַנצע וועלט געווען פאַרטרונקען, ביז אַפילו די מזלות האָבן דאַן ניט געאַרבעט[מט]. וועלט איז געווען בטל, מען איז געווען אויסגעשלאָסן פון וועלטישע זאַכן, און מען איז געווען איינגעשלאָסן אין "תיבה" - אותיות פון תורה און תפילה.

ס'איז געווען על דרך ווי די עבודה פון חדש תשרי, וואָס מען איז דאַן אָפּגעשלאָסן פון וועלט. ווי עס ווערט דערקלערט אין זהר[נ] און אין לקוטי תורה[נא] אויפן פסוק "ותנח התיבה בחודש השביעי" (די תיבה האָט גערוט אין דעם זיבעטן חודש) - אַז דאָס מיינט די עבודה פון חודש תשרי, (וועלכער איז דער זיבעטער חודש פון ניסן).

דער תכלית איז אָבער באַשטאַנען ניט אין דעם מבול, נאָר אין דעם אַרויסגיין פון דער תיבה אין וועלט, אַז דעמאָלט זאָל מען זיין אַזוי ווי מען איז געווען אין דער תיבה.

## When One Emerges

**8.** This contributes an additional dimension to the connection between the waters of the Flood and the waters of a *mikveh*: *Rambam*[25]

ח. דאָס איז אַ צוגאָב אין דער שייכות פון מי המבול מיט מי מקוה:

דער רמב"ם זאָגט[נב] אַז די טהרה

21. See *Likkutei Sichos,* Vol. 2, p. 434ff. (translated in *Selections from Likkutei Sichos,* Festivals, Vol. 1 p. 184ff.).

22. *Talmud Yerushalmi, Pesachim* 1:1; *Bereishis Rabbah* 25:2, 34:11.

23. *Zohar,* Vol. III, p. 149b.

24. *Likkutei Torah, LiGimmel Parshiyos,* republished in *Or HaTorah, Bereishis,* Vol. 3, p. 643b.

25. *Rambam, Hilchos Shaar Avos HaTumah* 6:16. See the *Kessef Mishneh* to that source.

**states that** a person's **purification is completed, not when he immerses in the** waters of a ***mikveh*****, but when he emerges from it. In other words, when he emerges from the *mikveh*, it should be evident that he immersed himself in** its waters.

ווערט פאַרענדיקט ניט בשעת מען איז אין מקוה, נאָר בשעת מען גייט אַרויס פון מקוה ד. ה. אַז ווען ער גייט אַרויס פון מקוה. דאַרף זיין קענטיק אויף אים אַז ער איז געווען אין מקוה.

**Similarly, concerning the** charge, "**Enter the ark (*hateivah*)**," **the words (*teivos*) of Torah and prayer: The ultimate intention is not the state of *bittul bemetzius*** (**"utter and complete self-nullification"**) reached **during the time of prayer and Torah** study, **but that, after prayer and Torah** study, **one's** mindset **should remain the same as it was during the time of prayer and Torah** study. **As mentioned above,**[26] **before praying, the Baal Shem Tov was not certain** whether he would remain alive **afterwards.** He feared that **the** utter ***bittul*** and the intense yearning for G-d that he experienced **during prayer** might actually lead to his **soul's expiration. Nevertheless, afterwards,** as an expression of his bond with G-d, **he returned to the world because** living in this world fulfills the Divine **essential intent** in creation.

די זעלבע זאַך איז אויך אין דעם "בא אל התיבה", אַריינגיין אין די ווערטער פון תורה און תפלה, איז דער תכלית הכונה ניט דער ביטול במציאות בשעת'ן לערנען און דאַווענען, נאָר אַז נאָכן דאַווענען און לערנען זאָל ער זיין אַזוי ווי בשעת דעם דאַווענען און לערנען.

אַזוי ווי מען האָט גערעדט (אויבן אות ח) וועגן דעם בעל שם טוב, אַז פאַרן דאַווענען איז ער ניט געווען זיכער וואָס עס וועט זיין מיט אים נאָכן דאַווענען, צוליב דעם כלות הנפש און ביטול בשעת'ן דאַווענען - פונדעסטוועגן איז ער שפעטער געקומען צוריק אין וועלט, וואָרום דאָס איז דער עיקר כוונה.

## A Turn Towards Joy

**9.** My revered **father-in-law, the Rebbe** Rayatz, **once said**[27] **that** the week during which ***Parshas Noach* is read is a melancholy week. But** at its end, closer to ***Parshas Lech Lecha*****, it begins to become more cheerful because** there it describes **the birth of our Patriarch Avraham.**

ט. דער רבי דער שווער האָט אַמאָל געזאָגט[נג] אַז פרשת נח איז אַ "קאַלעמוטנע" וואָך און אין פרשת לך לך הויבט אָן צו ווערן פריילעכער, וואָרום דעמאָלט איז געבאָרן געוואָרן אברהם אבינו - און בפרט לויט דער פירוש הפנימי פון לך לך גו' אשר אראך - אַז מען ווייזט די מעלה פון נשמות.

The connection between that Torah reading and joy is **especially** powerful **according to the inner interpretation of the command,**[28] **"Go forth...** to the land **that I will show you" – that** it refers to the souls' descent to this material plane. There, a **true superior spiritual quality is revealed.**[29]

זאָל דער אויבערשטער געבן אַז די אַלע ענינים וואָס זיינען דערווײלע קאַלעמוטנע - צוליב וועלכער ס'איז

26. See the previous *sichah*, sec. 3.

**27.** ***Kuntreis Bikkur Chicago*****, p. 8,** summarized in *Hayom Yom,* entry 3 MarCheshvan.

28. *Bereishis* 12:1.

29. *Toras Menachem, Sefer HaMaamarim Melukat,* Vol. 1, p. 250ff.

סיבה - איז אַזוי ווי מען גייט אַריין אין פרשת לך לך, זאָלן זיי ווערן פריילעך און אַראָפּקומען בטוב הנראה והנגלה.

(משיחת ש"פ נח תשי"ז)

As we approach *Parshas Lech Lecha*, may G-d **grant that all matters that for whatever reason are presently gloomy** be transformed and **become joyful,** and may they be accompanied by **visible and revealed goodness.**

---

לג) יומא פה, ב.
לד) זע לקוטי תורה ריש פ׳ האזינו עב, ב.
לה) קהלת יב, ז.
לו) זע תורה אור פ׳ משפטים עז, ד. ואילך.
לז) תורה אור פ׳ מקץ לו, ב.
לח) בבא קמא סה, ז.
לט) ישעי׳ נו, טו.
מ) דברים ו, ה.
מא) תורה אור מקץ לט, ד. ובכמה מקומות.
מב) מאמר טז, פרק ב.
מג) זע רמב"ם הלכות תשובה פרק א הלכה ג.
מד) כריתות פ"ו מ"ג.
מה) ברכות לה, ב.
מו) ישעי׳ סא, ה.
מז) ברכות לה, ב.
מח) זע לקו"ש ח"ב ע׳ 434 ואילך.
מט) ירושלמי פסחים פרק א הלכה א. ב"ר פרשה כה, ב. ופרשה לד, יא.
נ) חלק ג׳ קמט, ב.
נא) לקו"ת לג"פ (אוה"ת נח כרך ג׳ תרמג, ב).
נב) הלכה אבות הטומאה פרק ו, הלכה טז. וראה בכסף משנה שם.
נג) בקור שיקאגא ע׳ 8.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה״ת ר׳ משה יהודה בן ר׳ צבי יוסף ע״ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*